98441

# מרדכי ואסתר

## איין שיין וואונדערליכע היסטאריע

## פון איין חתן מיט איין כלה

פון דיא מעשה וועט איר גרויש נחת האבין · איר ווערט דערינען זעהן וואש עש איין מאל פאר איין וואונדער גישעהן · אונ וואש פון איין חלום איז גיווארין · וויא אויך איין מענטש דארף זיין בטחון ניט פאר לירין · אונ מען מוז נאר צו גאטש גינאד ווארטין · אזוא וויא עש מיט דען רב איז גישעהן :


**ווילנא**

בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם מן ראם

שנת תרכ״ב לפ״ק


---

**МОРДУХЪ И ЭСТЕРЪ.**

т. е.

**Исторія Мардухея и Эсѳира.**


**ВИЛЬНО,**

въ Типографіи Р. М. Ромма. 1862.

# היסטאריע

## אײן שײנע היסטאריע פון אײן חתן וכלה וואש זיך גיטראפֿין האט אין סאלוניקע

בשנת תכ״ד אין דאש יאר פינף טויזינט פיר הונדערט פיר אונ צוואנציג פון בשעפֿעניש דער וועלט · וואר אײן רב אײן גרויסער תלמיד חכם אין דער גרוישע שטאט (סאלוניקע) מען האט אים גירופין הגאון מוהר״ר שמחה ער וואר אויך אײן גרוישער עושר · ער האט נאר גיהאט אײן בת יחידה אונ זײער אײן שײן פארשוין אויך האט זיא וואול גילערינט אונ גאנץ פרום דער בײא אויך זײער קלוג אין אנדרע חכמות אונ גיקענט עטליכע שפראך עש וואר ניט איר גלײכן אין דער גאנצע לאנד דער פאטר וואר אויך פון דיא גרעסטע מיוחסים אין דער וועלט אונ וויל ער וואר אויך אײן גרוישער קצין האט ער בײא זיך גיהאלטין אײן גרוישע ישיבה פון פיל ארימע בחורים מופלגי תורה דיא טאכטער האט מען גירופין אסתר ברכה אונ פלעגט שטענדיג אויך לערנען צוא גלײך מיט דיא בחורים זיא האט אבער זוא אײן גוטע קאפ גיהאט דאש זיא וואר אין אײן צײט פון עטליכע יאר פיל בעסער אונ וואולער גילערינט וויא דיא אלע ישיבה בחורים דאך וואר זיא אבער אײן גרוישע צנועה אונ האט קײן שום פריצות ח״ו ניט גיוויזין נאר וויא אײן בת תלמיד חכם שטײט אן נאר וואש אן לערנען גיהער האט זיא זיך אימער מפלפל גיוועזין :

אײן מאל קומט צוא פארין אין דער ישיבה זײער אײן שײנער בחור פון ק״ק (איזמיר) דאש איז אין גרעקין לאנד דעם בחור האט מען גירופין מרדכי ס״ט אונ זײן פאטער האט מען גירופין הרב מוהר״ר שלום ער וואר זײער אײן וואול לערנער אונ פיל מעלות דער בײא · זײער אײן שײן גישטאלט אונ קלוג אונ וואר אלט זעכצעהן יאר · ער האט זיך זײער שײן אויף גפירט וויל זײן פאטער האט אים אויך פיל געלט מיט גיגעבין אונ וויא דער בחור האט

Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Одобрено Ценсурою 28 Іюля 1862 года. Вильно.

האט גזעהן אז דיא בתולה איז זייער פלייסיג אין לערנען · האט ער זיך זייער מתקנא אן איר גוועזין אונ האט זיא גינומען פאר איין חבר צום לערנען · אונ האבן שטענדיג צו זאמן גלערינט ביז דאש זיי ווארין דיא בעשטע פון דער גאנצער ישיבה זיי האבין אזו צוא זאמן גילערינט מער אז איין יאר · אבר אויך גאנץ פרום זיך אויף גפירט אונטער דר צייט זיינען גיקומען צום רבי שמחה פיל בריב פון פיל שטעט אום וועגין איין שידוך פאר זיין טאכטער דיא בתולה אסתר ברכה מיט גרוישע מיוחסים לומדים אונ נגידים אבר דער רב האט מיט קיינעם ניט גיוואלט טאן · ווייל אים איז גיפעלין דער בחור מרדכי אויך האט ער פאר שטאנען אן זיין טאכטער אז זיא פאר לאנגט אים פאר איין חתן · נאר ווייל זיא וואר איין גרוישע צנועה האט זיא עש איר פאטער ניט וועלין דאכטין · אויף איין מאל איז דער רב רבי שמחה מיט דעם בחור גיגאנגען שפאצירין אין זיין לושט גארטין אונ עש וואר קיינער דער ביא מער · זאגט דער רב צוא אים וויא גיפעלט דיר מיין טאכטער · ענטפערט ער זיא לערינט רעכט וואול אונ האט אויך פיל אנדערע מעלות וועלכע איין בתולה שטייט אן · אויך דער ביא זייער פרום · זוא זאגט דער רב ווילשטו דען זיך משדך זיין מיט איר · איך קאן אייך אויך פיל געלט אונ קליינאטין געבין · ענטפערט דער בחור ליבער רבי איך מעכט זייער צוא פרידין זיין אונ פאר איין גרוישע זכיה האלטין אייער איידים צו זיין אונ אזו איין טייערע בתולה צוא איין פרויא נעמען · נאר ווייל מיין פאטער איז דאך אויך זוא איין תלמיד חכם אונ איין עושר קאן איך אן זיין ידיעה דעם שידוך ניט טאן · זאגט דער רבי צוא אים מיין ליב קינד אויב נאר אום דעם גייט עש · אזוא שיק איך גלייך איין שליח צו דיין פאטער · אזוא גייען זייא צוא הויז אונ עש ווערט גלייך זוא גישעהען דער רב שיקט איינעם פון זיינע לייט מיט איין בריף קיין (איזמר) וועלכע וואר אויך אין דאש גרעקין לאנד צוא דעם פאטער פון דעם בחור אום וועגין דעם שידוך · דער בחור שרייבט אויך צוא זיין פאטער





פון זיין גיזונד אונ פלייסיג לערנען ביא דעם רב אונ אויך פון אנדרע חכמות אונ וויא דער רב רבי שלום אנטפאנגען האט דיא צווייא בריף וואר ער פול פרייד אונ שרייבט גלייך אפ צוא דעם רב פון (סאלוניק) אונ צוא זיין ליבין זון :

ער שרייבט צו דעם רב דאש ער אויך זייער צו פרידין איז אונ ער טוט זיך משמח זיין מיט אים אונ ניט צווייא טויזינט דוקאטין פאר אמתנה וויא אויך דער ביא פאר טויזינט דוקאטין פעריל אונ יעוועלין פאר דער כלה · צום זון שרייבט ער אויך דאש ער זאל טאן דעם שידוך מיט דעם רב רבי שמחה באופן אז ער זאל אין דובעלט נדן נעמן אונ הערליכע מתנות פון זיין מחותן צו אנטפאנגין אונ ווינשט אים אויך דער ביא פיר גליק אונ שיקט אים אויך עטליכע הונדערט לייבין טאלער אויף הוצאות דער שליח מאכט זיך גלייך פארטיג צום שיף רייזין אונ קומט קיין (סאלוניק) אין איין קורצע צייט צוא ריק אונ זוא גלייך וויא זיי דיא בריב אן גקומען איז לאזט דער רב אויך זיין טאכטער פרעגין אויב זיא צוא פרידין איז מיט דעם חתן · דיא טאכטר ענטפערט זיא קאן שוין מער גליקליכר ניט זיין וויא דעם בחור מרדכי פאר איין חתן צוא האבין דער רב רבי שמחה לאזט דעם חתן רופין אונ ווייזט אים אויך דעם בריב פון זיין פאטער · דיא בתולה וואר אויך דער ביא אונ דער שידוך ווערט גישלאסין דער פאטער פון דער כלה לאזט איין גרוישין מאל צייט מאכין אונ בעט דיא גרעשטע לייט פון שטאט · עש ווערט אויך פיל צדקות אונטער דיא ארימע צוא טיילט אונ דיא תנאים ווערין גישריבן מיט דאש גרעשטע עהר ער פאר שרייבט זיין טאכטר די כלה פיר טויזינט דוקאטין נדן וויא אויך טייערע מתנות פר דעם הערליכין חתן · אונ מען לייגט דיא חתונה אפ אויף ניין מאנהייט · עש גייט זוא פאר ביא עטליכע וואכין אונ דער חתן אונ דיא כלה לערנען נאך פיל פלייסיגער וויא צו פאר :

עש טרעפט זיך איין מאל אין מיטין דער נאכט דא קומט דער בעל

דער בייזער חלום

(6)



חלום צוא דער כלה אונ זאגט דוא ליבע אסתר ברכה דיא סעודה וואש דיין פאטער האט גימאכט אונ דיא שמחה וואש עש איז גיוועזין ביי דיא תנאים איז גאר אום זונשט · דען איך בין גישיקט גיווארין צוא זאגין דיר דאש דער דאזיגער איז ניט דיין רעכטער בשערטר חתן דוא וועשט בקומען איין בחור חשוב דער דא איז בשאפין גיווארין פערציג טעג איי דוא בישט בשאפין גיווארין · ער הייסט מיט זיין נאמען ברוך בן מוהר״ר פרידמאן איין ארימער בחור אבער רייך אין דער תורה אונ איין גרויסער מיוחס פון גדולי עולם אונ דו וועשט מיט אים גיווינען צעהן זין איינער איין גרעסערר תלמיד חכם וויא דער אנדערער · וואול דיר דוא בישט גבענטשט וויא דיין נאמען ברכה אויש וויזט · דרום זעה אונ שאף אפ דעם חתן אונ וועץ ניט מוז איינער פון אייך אום דעם לעבין קומען אין איין שענדליכין טויט · וויא וואול דיין פאטער האט דוקא בשלאסין ביי זיך דעם שידוך צוא טאן · איך ווייש ווען איך ווער שוין קומען צו דיין פאטער אין חלום ווערט ער זיך דראן ניט קערין · דרום קום איך צו דיר · אבער פאר דיין פאטער אונ מוטער זאלשטו ניט מגלה זיין אז איך בין ביי דיר גיוועזין אונ ווען דיין פאטער וועט ניט וועלין אפ זיצן פון דעם שידוך · אזו מעגשטו פאר דעם חתן עפיש מגלה זיין דר פון :

נוא וויא עש איז גקומן צו מארגינש פריא דא שטייט דיא גיבענשטע אונ פרומע כלה אויף זייער אומעטיג אונ וואלט אירין מוטער גאר פון דעם שלעכטין חלום ניט זאגין · ווייל דער בעל חלום האט איר פאר באטין · אויך איר ליבן חתן וויל זיא דער פון ניט דער מאנען · ווייל זיי ווארין זיך ביידע זייער גיפעלין · דיא מוטר פרעגט איר וואש דיזעש בעטייטין זאל · זיא גיט איר אבער דרויף קיין רעכט ענטפער ניט · זוא לאזט מען אויך דעם פאטער רופין אונ ער בעט איר זיא זאל אים זאגין וואש דאש בעטייט אונ וויל איר אנדערש ניט אפ טרעטין זוא ענטפערט זיא אים זעלכע רייד גלייך וויא זיא ניט באגערט דעם חתן וויא וואול זיא האט אים ביי זיך

זייער

(ד)



זייער ליב גיהאט דער פאטער אונ מוטער וויא אויך דיא גאנצע משפחה ריידין מיט איר אום דעם זייער פיל עש איז אבער אום זונשט אונ זיא לאזט זיך ניט איין ריידין · זוא שיקט מען צוא איר דעם חתן זעלבשט :

דער חתן הייבט אן מיט איר צו ריידין גאר פריינטליכע רייד אונ בעט זיא דאש זיא זאל אים זאגין וואש דער ענין איז · ער האט זיא אזוא לאנג גיבעטין ביז זיא הייבט אן צו וויינען אונ זאגט צוא אים וויא וואול וואלשטו מיר גיוועזין ווען גאטש ווילן וואלט דר ביי גיוועזין איך וויל דיר אבער דער ציילין נאר דוא זאלשט פאר קיינעם ניט אויש זאגין אזוא דער ציילט זיא אים דעם גאנצין חלום · דא הויבט דער חתן אן צוא לאכין אונ זאגט אדרבה דאש ווייזט אז מיר וועלין לעבין · דען דער בעל חלום ווייזט איטר פאר קערט ווען ער ווייזט איינעם דער דא זאל לעבין זוא מוז ער גראד שטארבין חייזט ער אבער דאש ער וועט שטארבין זוא וועט ער גוויש לעבין אונ דער צוא עש האט דיר גיחלמת דיין חתן זאל הייסין ברוך איז טייטש איין גיבענטשטר דאש בין איך זעלברט · איך בין גיבענטשט מיט תורה אונ מעשים טובים אונ מיט עשירות אונ מיט אלע מעלות טובות · אונ זוא אויך זאגט מען אום פורים ברוך מרדכי · אויך האט דיך גיחלמת דר פאטר זאל הייסין רבי פריד מאן דאש איז מיין פאטר · דען ער הייסט רבי שלום אונ שלום איז טייטש פריד :

ווייל זיא וואר זוא אין חתן בעליבט לאזט זיא זיך איין ריידין אונ פאר געסט גאר אן דעם גאנצין חלום אונ וואר ווידער וויא צו פאר מיט דעם חתן · זיא בעט אונ בשווערט אויך אים דאש ער עש פאר קיינעם ניט פאר טרויען זאל פון דיא גאנצע מעשה מיט דעם חלום · וויא אויך ער זאגט עש איר צו · עש גייט פאר ביי זוא עטליכע וואכין אונ עש ווייש קיינר דער פון ניט ווען אויך דר פאטר אונ מוטר האבין דעם חתן גיבעטין פיל מאל צוא פאר ציילין זייא וואש מיט דער כלה איז גוועזין ער קאן זייא אבער ניט זאגין ווייל

זיא

זיא האט אים אויף דעם בשוואָרין ער בלייבט זוא דער חתן ביי זיין
מחותן ביז עס וואר שוין נאר צווייא חדשים צוא דיא חתונה צייט ·
זוא זאגט דער חתן צוא זיין מחותן ליבער רבי איך מוז אהיים פאָרין
פאר דער חתונה אונ מוז אהער צוא ריק קומען מיט מיין פאטער אונ
מוטער אונ אויך אנדרע פון מיין משפחה עס ווערט פאר אייך אויך
גרויש כבוד זיין אז דיא לייט פון שטאט ווערין וויסין פון וואס פאר
איין הויז איך בין · דאש איז אויך דעם רב געפעלין וויא אויך זיין
ווייב דיא רעביצן · דיא כלה אבער איז דער מיט ניט צוא פרידין
געוועזין · דאך האט זיא אויך געמוזט דרויף מסכים זיין · נוא וויא
עס קומט דאש דער חתן וויל זיך זעגענען מיט זיין ליבע כלה · דא
הייבט זיא אן איין יאמערליך געשרייא אונ וויינען · דיא טרעהרין
זיינען איר גירונען פון דיא אויגין · דער חתן וואר זיך זייער דער
שראקין אונ וואר גאר אומעטיג בקיצור זייא וואָרין זיך אזו שטארק
ליב האבין דאש איינער אן דעם אנדערין האבין גאר ניט געקענט
לעבין דאש הארץ וואר ביי זייא ביידין אויש גירישין איבער דעם
וואש דער חתן דארף פאָרין צוא זיין פאטער אונ מוטער :

וויא דער רב אונ דיא רעביצין האבין געזעהען דעם גרוישן צער פון
דיא ליבע חתן וכלה · שפּראכט דער רב צו אים בלייב ליבער
היר ביי דיין כלה אונ איך וועל שיקין צווייא משולחים מיט עטליכע
בעדינטע נאך דיין פאטער אונ מוטער אונ דיין גאנצע משפחה איך
בין דאך איין רייכער מאן עס מאג מיך אויך פיל געלט קאסטין ·
דער חתן אבער לאזט ניט נאך אונ וויל זעלבשט דווקא רייזין · אונ
וויא דער מחותן זעהט עס קאן שוין אנדערש ניט זיין זוא לאזט ער
עס נאך זיין ווילין נאך אונ שיקט מיט דעם חתן צווייא בעדינטע
מיט דאש גרעשטע עהר זוא וויא איין גרעשטין מאן שטייט אן ·
עס ווערט ביי דעם אם רייזין פיל טרערין פאר גאסין אונ זיי רייזין
גליקליך אם דיא וועג דינט זייא רעכט גוט אונ קומען בשלום נאך
ק"ק (איזמיר) אין צעהן טאג · דער פאטער דער רב אונ דיא מוטר

מיט



מיט דיא גאנצע משפחה פון חתן פרייען זיך זייער דאש זייא דעם
יונגין מאן ווידער צוא זעהן בקומען האבין · ער פאר צייעלט זייא פון
זיין ווירדיגע ליבע כלה וויא זיא אין אלעם גיראטין אויך וויא וואול
זיא לערנען קאן :

דער חתן מיט דיא בעדינטע בלייבין זיצין אין (איזמיר) איין גאנצין
מאנהייט ביז דאש עס ווערט צוא גיגרייט אלץ וואש מען
ברויכט צו זוא איין הערליכע חתונה · אונ וויא עס דיא צייט פאר
ביי גייט אונ עס ברויכין צו פארין אלע צו זאמען מיט דער גאנצע
משפחה ביז עטליכע אונ דרייסיג פרשון · זוא בלייבט ביי דען פאטר
פון חתן דאש זייא דיא רייז ניט מיט טרוקינעם לאנד זאלין רייזין נאר
מיט דאש מער (ים) רייזין זאלין דען עס איז פיל ווייניגער צוא
רייזין וויא אויף דער יבשה · קורץ זייא זעצין זיך אלע אויף איין
שיף וועלכע גיגאנגן איז מיט נאך עטליכע פופציג פרשוין פון אלער
האנד נאציאן · דער רב צאלט אם דעם שיף קאפיטאן צו פאר זיין
גאנץ געלט פאר דער רייז איין גרעשטע טייל פון דר שטאט בלייטין
דעם רב מיט דאש גאנצע פאמיליע עס ווערט ביי דיזער צייט פיל
לוסטבערקייט גיטאן אונ רייזין גליקליך אם : זייא רייזין זוא מיט
גרויש גליק צווייא טאג · דאש וועטר איז זייער גוט אונ ריכטין זיך
אויף דעם דריטין טאג שוין גלייך נאך (סאלוניקע) צו קומן :

אויף דעם דריטן טאג אין רעכטין מיטאג צייט ווען דיא ליכט פון
דער זון וואר זייער העל אונ דער קאפיטאן איז גוועזין אין
דער הייך ביי דעם זעגל בוים · האט ער דער זעהן דאש צוויי שיפין
זייא פון הינטין קומען ער האט אבער גלייך דער קאנט דאש דארטין
ניט האנדילש לייט וואָרין זונדער נאר (אפריקאנער) רויבער גזלנים
זיין ער לויפט גישווינד ארונטער אונ פאנגט אן צוא שרייען · מיינע
ליבע הערין וואש צום גישווינטשטין נעמט זיך צוא דיא געווער דען
אין איין קליינע צייט בעקומען מיר היר צו זעהן צווייא שיפין מיט
דיא מער רויבער אונ דאש זיינען זעלכע לייט וועלכע קיין אנדער

מיטיל

מיטיל צום לעבין זוכין נאר דאש רויבעריא אונ ווען זיי ניט וואש צו בקומען האבין זוא פאנגען זייא אויך אונזערע (ערופייאשי) מענטשין אונ פירין זייא נאך זייערע בארבארישע לענדער אונ פאר קויפין זייא צו קנעכט · אונ דרום מוזין מיר אונזער האפונג ניט פאר לירין נאך אונ מיר ווערין מיט זייא שטרייטין · עש האט מיך שוין איין מאל זוא גיטראפין מיר האבין אבער דענשט מאל גוט גישטריטין אונ זייא האבין גימוזט פון אונז פורט לויפין · זייא ראטירין זיך אין דער רעכטר אונ אין דער לינקער זייט צו נעמן עש איז אבער אום זונשט דער ווינט וואר זייא ניט לאזין אונ טרייבט דיא שיף אימער גלייך ארונטער דער קאפיטאן היישט נאך מער דיא זאנגעל פלאכטעס אויף ציהען דאש דיא שיף גישווינדער גיין זאל אונ זיך מיט אנטלופין צוא רעטירין · ביא דיא רויבער ווארין אבער דיא שיפין נאך פיל גרינגער אונ לויפין זייא אימער נאך מיט דאש גרעשטע גישווינדיקייט עש דויערט אויך קיין שטונד ניט אונ דיא רויבער מיט זייערע שיפין ניבן זייא · אטאקירין זייא מיט דיא צווייא שיפין פון פארינט אונ הינטין ביז דיא אלע דרייא שיפין ווארין צו זאמען גידריקט דאש עש וואר וויא איין בריק · נון פאנג זיך אן איין גרוישע שטרייט אונ איין בלודיקע קריג · די איינינגע שיף שלאגט ריכטיג דיא ביידע שיפין אונ עש פאלין פון דיא רויבער פופצעהן פרשוין אונ פון דיזער נישט מער אז דרייא · דאך אבער צום ענד שטייגין ארויף פיל פון דיא רויבער אויף דעם שיף אונ ווילין פאנגען פון דיא לייט :

דער אום גליקליכער חתן מרדכי ס״ט וואר זייער אבהארצטער יונגער מענטש אונ שפרינגט אויך אין דער שטרייט · ער שלאגט אויך פון דיא רויבער וויא וייט ער קאן · עש דויערט אבער איין קליינע צייט זוא פאנגען דיא רויבער דעם יונגין קינד דען חתן אונ אויך דער ביא נאך זעקס מענער · זייא קומען פון דער שיף ארונטר אויף זייערע שיפין ווען אויך עש האט זייא פיל בלוט גיקאסט אונ נעמן זייער וועג צו ריק · צווייא פון דיא זעקס גיפאנגנע ווארין





שוין אלטע לייט · זוא נעמען דיא פאר פלוכטע מורינען דיא רויבער אונ שטויסין זייא אין דאש מעהר ארין :

נוא וויא דער פאטער הרב רבי שלום אונ דיא מוטר האבין גיזעהן דאש זייער זון דער חתן גיפאנגען וואר זוא הייבין זייא אן יאמערליך צוא קלאגין אונ מעכטין זיך ווינטשין ליבער דעם טויט אדער אין ים פאר זויפין צוא ווערין · ער קומט צום קאפיטאן אונ שפראכט מיין הער מיין גאנצע פאר מעגין וואש איך צוא הויז אונ היר האב ווער איך אים אלעש שיינקען נאר מיין ליבין זון צוא רעטירין · לאמיר דיא רויבער נאך יאגין פילייכט ווערט אונז דער באשעפער דאש העלפין אונ מיר ווערין דיא גיפאנגענע צוא ריק בקומען · דער בארימען זייא זיך אויף מיינעם עלענד אונ אויף מיין אום גליקליכען ליבין קינד · דער קאפיטאן וויא ער וואר איין בארעם הארציגער מאן בשליסט ער אין זיין זינען דאש צוא טאן אונ נאך צוא יאגין זייא אונ פאר לאנגט אויך דאש מינשטע ניט פון דעם רב · דיא אנדערע לייט אבער וועלכע אויף דעם שיף ווארין ערלויבן עש ניט · אונ שפראכין מיט צארין צו דעם קאפיטאן · וואש ווילט איר דען טאן זאלין מיר דען אלע פאר לארין ווערין פון וועגין דעם איינינין דעם רב זיין זון · דאש איז גאט צוא דאנקען דאש מיר בשירמעט ווארין איין מאל פון דיא בארבארישע אונ טיראנישע מענטשין · זאלין מיר דען נאך דיא נארהייט טאן אונ ווידער לאזין זיך איבער ענטפערין אין זייער האנד · זוא מוז אויך דער קאפיטאן דער פון אפ זיצין אונ מאכין ווייטער זייער רייז נאך (סאלוניקע) אונ וויא דער רב רבי שלום האט גיזעהן דאש אלע זיינע גיבעט העלפין אים ניט זוא הייבט ער זיינע הענט אויף קעגין דעם הימל אונ איז אויף זיך מצדיק הדין אונ מאכט דיא ברכה ברוך דיין אמת אונ טוט נאך דעם זיין תפלה פאר ריכטין מיט דיזע ווערטער אויף לשון קודש וועלכע עש בעטייט אין טייטש דיזעש :

אלמאכטיגר בשעפר פון דער וועלט דוא האשט אלע בשעפנעש

JOSEPH PARADIGM



טאן באשאפין צום לעצטין האשטו אויך דעם מענטשין אין דיין פורעם בשאפין כדי ער זאל אלעם שוין גיפינען וואש ער ברויכט צו זיין בארערפינעש אונ האשט אים גילייט זעליגט מיט פיל פאר שטאנד · אברהם אבינו האשטו גיבענטשט דאש דוא האשט אים גיגעבין איין זון יצחק · יצחק מיט דיין זון יעקב · יעקב מיט זיינע זין דיא צוועלף שבטים · נאך דעם אבער אז זיין זון יוסף הצדיק איז פון אים פאר לארין גיווארין האט זיך יעקב אבינו פון קיינעם ניט גילאזט טרייסטין · דען ער האט גימיינט ער איז פון איין חיה רעה פאר צוקט גיווארין · זוא אויך איך בטריבטער מענטש האשט מיר אויף מיין עלטער זוא איין טייערין אונ גאטש פארכטיגען זון לאזין גיווינען · איך האב אים גילערינט אין רעכט פארטיגען וועג צו גיין אין דיין היילינע תורה אונ מצות האב איך אים גילאזין לערנן · פיל פאר שטאנד האשטו אים אויך גיגעבין איך וואר איינער אונטר דיא גליקליכע אין דער וועלט · זוא איין גיראטין קינד האב איך אויף דער וועלט גיבראכט פיל עשירות האשטו מיר אויך גיגעבין · נון איצונד אבער דאש מיין קינד איז אן גיקומען אונטר דיא שלעכטע מענטשין וועלכע באלד גליך זיין וויא דיא חיות רעות וואש האב איך שוין מער צוא האפין אויף דער וועלט · דאך אבער מיין האפונג איז ניט פאר ביא אונ בעט דיך דער בארמיגער גאט דיא הערצער פון אלע מענטשין איז דאך ביא דיר אין דער האנט · דו קאנשט זייא בייגין וויא דוא ווילשט אונ דרום נייג דיא הערצער פון דיא טיראנעשע מענטשין דאש זייא זאלין אויף מיין זון דעם יונג קינד רחמנות האבין אונ ווען ער שוין ווערט פאר איין אייביגין קנעכט ווערין פאר קויפט גיב אים דאך צו גינאד צו חן וחסד אין אויגן פון זיינע הערין דאש זייא אים קיין שווערע ארבעט געבין זאלין זוא וויא דוא האשט גיגעבין גינאד אונ לייט זעליקייט צוא יוסף הצדיק אין דער צייט אז ער האט גינידערט קיין מצרים אונ איז צוא איין גדולה גיקומען · זוא אויך זאלשטו זיך דער בארימען איבער מיין קינד אונ

באהיטין



באהיטין אים פון אלעם בייז אונ שטארק אים זיין הארץ דאש ער זיין בטחון פון דיר ניט פאר לירין זאל · ווען אויך ער אונטער דיא בארבארין איז וועלכע ווייסין גאר ניט פון אונזער וואר האפטיגע גלויבין אונ דאש מיין זון זאל ניט ח״ו ברעכין אן זיין היילינע תורה אונ מצות וויא וויט נאר מיגליך זיין ווערט · אונ דאש איך אים פאר מיין לעבין צום ווייניגשטין מיט מיינע אויגין זעהן קאנען דא וועל איך דיינע וואונדער אונטער פיל איין זאמלונג דער ציילין · אונ צוא ווישין איין שטארק פאלק וועל איך דיר לויבין · דען דו בישט דער רעגירער פון אלע וועלטין עש איז דיר אלש מיגליך · גילויבט בישטו רעגירער פון דער וועלט :

דער שיף קאפיטאן מיט אלע לייט וואש אויף דעם שיף זיינן טיגען דעם רב אונ זיין פרויא מיט דער גאנצער פאמיליע טרייסטין מיט וואש נאר מיגליך איז · דיא מוטער לאזט זיך אבער ניט טרייסטן אונ מעכט גערין אין מער (ים) זיך אריין ווארפין · מען מוז איר אין איין בזונדערין צימער פאר שליסין ביז זיא צו איר פאר שטאנד גיקומן איז · אויף מארגין קומען אלע דיא לייט אן מיט בטריבטין הארצין קיין (סאלוניקע) עש ווערט איין גרויש לארעם אין דער שטאט וועגין דעם פאר לארענעם חתן וועלכער זייער בעליבט וואר פון דיא גאנצע שטאט · דער רב רבי שמחה אונ דיא אום גליקליכע כלה · אונ דיא מוטער אונ דאש גאנצע משפחה בעטרויערין דעם חתן · דיא כלה שפראכט צוא זיך זעלברט איך בין דער מערדער פון אים · איך האב אים ניט גידארפט פאר טרויען דעם חלום זוא העט ער זיך אונ מיך ניט איין גירעט דאש עש גאר איין חלום אונ נישט צוא בעטייטן האט איך מעכט אים ליבער זאגין דאש איך אן אים וואש איין פעליר האב אונ וויל אים ניט הייראטין · אזוא מאכט ער דער פון אפ זיצן אונ וואלט דען פאר בונד פון דיא תנאים אפ לאזין · זוא באקלאגט זיא דעם חתן עטליכע טאג אום צום ענד לאזט זיא דאך וואש טרייסטין דורך פיל אנדרע בתולות דיא איר האבין שטענדיג גיטרייסט :

עש

עש דויערט איין קליינע צייט דער רב רבי שלום מיט זיין משפחה מוזין דאך פארין צו הויז מיט בטריבטין הארצין · דער רב לאזט זוא גלייך פינף שיפין דינגען אונ שיקט ארויש צעהן מענטשן צוא צוייא אויף איין שיף · ער גיט זייא פיל געלט דער בייא דאש זייא זאלין אין פיל לענדער מיט דיא שיפין רייזין אונ זיין זון זוכין זאלין · עש ווערט אויך זוא גישעהן דיא לייט רייזין דורך פיל אינזלן אונ לענדער זייא פאר ברייננגען פינף מאנתיים אונ ברייננגען קיין מינשטע נאך ריכט פון זיין קינד :

נוא וועלין מיר לאזין דיא כלה זיצין · אונ דער ציילין וואש עש מיט דעם חתן פאסירט האט :

דער חתן רייזט מיט דיא רויבער עטליכע טאג פאר בייא אונטער שיידליכע אינזלען ביז זייא קומען צו דאש לאנד (אבעסיניע) דארטין איז דיא גרוישע רעזידענץ שטאט בייא דעם בארטין פון ים זייא נעמן ארונטער דיא פינף גיפאנגנע אונ טרייבין זייא אין שטאט אריין זייא פאר קויפין דיא פיר גיפאנגענע פאר ווייניג וואש געלט · פאר דעם חתן מרדכי אבער וויל ער וואר זייער איין שיין גישטאלט אונ גלערינט אין פיל שפראך פאדערין זייא זייער פיל געלט · אונ גפינען ניט זוא איין רייכין מאן וועלכער פאר אים בצאלין קאן · זוא בלייבין זייא מיט אים שטיין עטליכע טאג אויף דעם גרוישן מארק וואו מען דיא (שקלאפין) קנעכט פאר קויפין טוט אויף איין מאל גייט דער פירשט פון דער לאנד פאר בייא דיא רויבער · אונ וויא ער האט דער זעהן דאש שיינע גישטאלט פון דעם יונגין מאן וואר ער גאנץ פאר ברענט איבער אים · אונ פרעגט אן דיא לייט וואש זיינן אויף דעם מארק ווער דיזעש קינד איז זייא ענטפערין אים ער איז איין גיפאנגענער פון דיא רויבער · וואש מאכט ער דען היר פרעגט דער פירשט · זוא שפראכין זייא מען בעט פאר אים זייער פיל געלט וועלכע עש קיינער בצאלין וויל · נוא שפראכט דער פירשט איך

ווער



ווער עש בצאלין · ער פרעגט פון דיא רויבער וואש פאדערין זייא פאר אים · זייא שפרעכין צעהן פונט גאלד · דער פירשט שפראכט איך בעצאל עש אונ ער איז מיין · ער נעמט אים פאר דעם האנט אונ פירט אים צו הויז נאך זיין פאליי · דיא רויבער גייען נאך אונ קריגין זייער געלט אונ ציהען צו ריק אונ דער חתן בלייבט ביי דעם פירשט · ער פרעגט אים גיך פון וואש פאר איין נאציאן (אמונה) ער איז אונ פון וואש פאר איין לאנד ער איז אונ ווער זיינע עלטערין זיינען · זוא זאגט ער צום פירשט איך בין איין יהודי פון גרעקין לאנד · אונ בין איין זון פון איין אריטען שטריק מאכער דען דער חתן מרדכי טראכט זיך ווען ער דיא ווארהייט זאגין וועט דאש זיין פאטער זוא איין גרוישער רב אונ איין רייכער מאן איז וועט ער אים קיין מאל שוין ניט פרייא לאזין ביז דאש דער פאטער זיין גאנצע פאר מעגין פאר אים בצאלין זאל · דער פרינץ שפראכט צו דיך זעלבשט עש וואונדערט מיך זייער וויא איין ארעם מאן זוא איין הערליכין קינד האבין זאל מיט זוא איין שיין גישטאלט אונ פיל פאר שטאנד · אויך עטליכע שפראך צו קענן · עש ווערט אים אויך דר לויבט פון דעם פרינץ דאש גאנצע גיזעץ פון דיא יודין צו ברויכין :

ער בלייבט בייא דעם פרינץ איין צייט פון עטליכע מאנהייט ער פרעגט איין מאהל דעם פרינץ אויב ער ניט יודין אין זיין לאנד האט · ענטפערט ער אים ניין · אין דיזען לאנד איז פון איין לאנגע צייט פאר באטין דיא יודין צוא וואונען : איינעם יהודי אבער האב איך היר אין מיין הויף וועלכער איין ראט הער איז אונטער דיא אנדערע ראט הערין ער מוז זיך אבער ניט לאזין דער קענען וואש ער איין יהודי איז · דען אום זונשט קאסט אים זיין לעבין · דער חתן מרדכי פאלט דעם פרינץ צו דיא פיס אונ וויינט אונ בעט דאש ער זאל אים ערלויבין מיט דעם יהודי דעם ראט הער זיך דער קאנען זאל · ער זאגט צו אים עש איז דיר ערלויבט דאש מוז אבער גיהיים (בסוד) גיהאלטין זיין זונשט זייט איר ביידע פאר לארין ווייל דאש פויער

פאלג

MEETS THE OTHER JEW IN COURT



פאלק אונ געמיינע ליידין קיין יודין ניט ער בדאנקט אים זייער דער
פאר אונ פרעגט זיך נאך דעם ראט הער זיין הויז אונ גייט גלייך הין ·
ער קומט צו דאש הויז ער גייט אריין פון איין צימר צו דעם אנדרין
אונ געפינט קיין מענטשין · ער גייט ווייטער זוא געפינט ער נאך איין
מיר גאנץ פאר שלאפין · ער שטעלט זיך אנידער הינטער דער טיר
אונ הערט וויא דער ראט הער זיין געבעט תפלה טוט · ער לאזט אים
זיין תפלה ענדיגין · נאך דעם קלאפט ער אין דיא טיר אן · ער עפינט
אים זוא גלייך אונ שפראכט צו אים מיט צארין דו יונגער שורק וויא
שטיישטו אונטער זיך מיר אין טיר אן צו קלאפין · דיינקשטו דען
וויל דוא עטליכע מאנהייט שוין אין דעם פרינץ זיין הויף בלייבשט ·
מיט מיר צו פאר גלייכין זיך · דער יונגער מענטש גיט אים איין
ענטפער איר האט רעכט מיין הער אונ איך האב דאש אום רעכט ·
אבער וויל איך בין אויך זוא איין יהודי וויא איר זוא האט מיך דאש
ליבשאפט געצוואונגען דער צו דיזעם צו טאן ער בעצייגט אים דאש
ער אויך איין יהודי איז · אונ פאר ציילט אים זיין גאנצע מעשה פון
אן פאנג ביז דאש ענד · אזוא פאלין זייא איינער דעם אנדערין אויף
דעם האלז אונ קושין זיך מיט אלע ליבליכקייט ער פרעגט דעם ראט
הער פון וואש פאר איין לאנד ער איז אונ וויא ארום ער היר געקומען
איז · ער דער ציילט אים דאש ער אויש דאש לאנד (חינא) איז וויא
ער געצויגין האט אויך אויף דאש ים נאך דאש לאנד (מאראקע) אונ
וויא ער אויך געפאנגען וואַרין איזט דורך דיא רויבער אונ איז היר ביי
דעם פרינץ פאר קויפט געווארין עש איזט שוין ניין יאר פאר בייא ·
אונ דורך וואש פאר איין אורזאך ער צוא אזו איין גדולה איז געקומען ·
זייא פאר ברייגגען זוא דעם גאנצין טאג מיט גרויש פרייד · אונ מארגין
ווירד דער ראט הער גערופין צוא דעם פירשט ער גייט צוא אים אונ
דער יונגער מענטש גייט אויך מיט · דער ראט הער בעט פון דעם
פירשט דאש ער אים דער לויבן זאל דעם יונגין פאר איין סאקריטאר
צוא האבין · דער פרינץ זאגט דוא האשט רעכט וויל איר ביידע פון

איין



איין נאציאן (אמונה) זייט · קורץ דר ראט הער ווערט אין דעם פירשט
זיין הויף זייער גרויש ביז דאש ער וואר דער גרעשטער מיניסטער
אונ דער בחור מרדכי ווערט אויף זיין שטעל ראט הער :
דער פירשט וואר שוין גאנץ אלט עש קומט שוין זיין צייט צוא
שטארבין זוא לאזט ער רופין זיינע אלע ראט הערין אונ
שפראכט צו זייא מיינע ליבע אונטער טענער איך גייא שוין אויף
דאש אייביגע וועלט · קיין קינדער האב איך ניט · אונ אום וועגין
דאש קיינע בלוט פאר גאסין ווערין זאל אום וועגין דיא הערשאפט
ווער זאל פירשט ווערין גיב איך אייך דיזן מיין גרעסטין מיניסטער
צום פירשט · דיזער האט פיל פאר שטאנד אונ איז גוט מעסיג צוא
דיא לייטין · פון דיזין ווערט איר אלע צוא פרידין זיין דאש גאנצע
פאלק אונ דיא ראט הערין פאלגין זייער הערין אונ דער מיניסטער
ווערט צו איין פירשט געמאכט אין איין קורצע צייט שטארבט דער
בהערשער פון דאש לאנד ער ווערט בגראבין מיט דאש גרעשטע
עהר אונ דער פאריגער מיניסטער פאנגט אן איבער דאש לאנד
צו רעגירען :

נוא וועלין מיר דיא צווייא יהודים דעם פירשט פון (אבעסיניע)
אונ דער ראט הער מיט דעם חתן מרדכי ס"ט בלייבין דארטין
רעגירען · אונ ווידער פון דער כלה צו דער ציילין :

נון וואר איינער אין (בבל) ער הייסט הגאון מוהר"ר אברהם פריד
מאן בייא אים איז איין זון געבארין געווארין · פערציג טאג פריער
איידער דיא אסתר ברכה איז געבארין ווען דאש קינד איז געבארין
געווארין איז פיל נסים אין דעם טאג געשעהען · וויא מען האט צום
אכטאג איהם געבראכט אין שול מל צו זיין זוא האט איינער איין
געשרייא געטאן ברוך הבא אונ נאך איינער האט אויך איין געשרייא
געטאן ברוכה הבאה דאש איז געוועזין איין רמז אז זיין כלה זאל
אויך געבענטשט זיין איין קול איז אויך ווידער ארויש ברוך הוא

בית    וברוך

וברוך שמו האט מען פאר שטאנען אז מען זאל אים איין נאמען געבן ברוך. עס איז פיל צו שרייבן פון דעם קינד. ער וואר איין גרויסר חסיד אונ אלמדין צוא דרייצעהען יאר אונ איטליכער וואלט אים גערין זיין טאכטער געבין פאר איין ווייב. דיא גרעשטע חסידים ועשירים. נייערט זייא גידיינקען אן דעם קול וואש מען האט גיהערט אן זיינער מילה אז ער וועט נעמן איינע דיא וועט הייסין ברכה. אונ אין דער גאנצער קהילה הייסט גראד קיינע ברכה אזו גדאכט זיך זיין פאטער אונ מוטער דאש קינד אליין מוז זיך זיין בשערטע זוכין. דען זייא זיינען ניט גיוועזין אין פאר מעגין זיין בשערטע צו זוכין ער נעמט פון קהל בריב וויא עש מיט אים דער גאנגען איז (מיום הולדו) אונ וויא זיין בת זוג זאל הייסין ברכה ער קריגט ווייניג וואש געלט אויף דער הוצאה אונ רייזט דורך פיל לענדער ביז ער קומט צו דען רב רבי שמחה פון (סאלוניקע). דער בחור וואר אבער שוין גאר פאר ארעמט זוא בעט ער דעם רב ער זאל אים נעמען פאר איין בדינטין אין דער ישיבה. דער רב מערקט זיך גאר ניט פון אים אונ נעמט אים צו. ער איז אבער תמיד גשטאנן בייא דער ישיבה אונ האט צוא גיהערט וויא גרוישע קשיות מען פרעגט. דיא קשיות וואר מען פרעגין אבער ניט רעכט וואר מען זיא מתרץ זיין אלע נאכט איז ער אויף גישטאנען אונ האט אויף גישריבין אויף איין פאפיר אלע תרוצים אויף אלע קשיות אונ האט זייער גוט פאר ענטפערט. דער רב אונ דיא בני ישיבה האבן זיך ניט גיקענט פאר וואונדרין ווער דיזעם שרייבין זאל ווער האט זעלין טראכטין אויף דעם בחור. דאש האט גיווערט עטליכע וואכין:

דער רב רבי שמחה וויא ער האט גיזעהן דאש זיין ערשטער חתן פר לארין איז. דא האט ער זיך שון גיפארכט זיין טאכטער מיט דיא ישיבה בחורים צוא זאמען לאזין לערנען אונ האט איר איין בזונדער צימער אפ גיגעבין אונ האט ניט גיוואלט ווייזין זיין טאכטער אסתר ברכה פאר איין מאנש פרשון ווארום דיא שוינהייט איז זייער

גרויש



גרויש גיוועזין אז מען זאל חלילה ניט זינדיגין איבער איר אונ אויך זאל מען איר קיין עין הרע געבין. איין מאל שפראך דער רב ליבער גאט זאיי מיר דאך מגלה ווער דאש טוט אויף שרייבין אפשר איז דאש איין בחור וועל איך אים געבין מיין טאכטער אסתר ברכה פאר איין ווייב:

נון וויא דער בחור דער הערט נאר דעם ווארט ברכה גידאכט ער זיך דאש מוז מיין בשערטע זיין וואש ווערט דרויש ווערין איך מוז דאך מיך מגלה זיין ער האט גישפירט אז אלע זיינען אין שול גיגאנגען אונ האט גידאכט איך מוז גיוואר ווערין וואו זיא איז אין וועלכין חדר אונ ער האט גיהאט אגוט כלי זמר צום שפילן זוא הייבט ער אן צו שפילין. אונ וויא זיא האט דאש דער הערט קוקט זיא צום פענצטער ארויש זוא האט דער בחור זיא דער זעהן. דער בחור האט זיך דער שראקין אונ זיא האט אים פאר איין חידוש אן גיזעהן אונ זאגט וויא הייסטו מיין ליבער בחור. זאגט ער איך הייש ברוך בן מוהר"ר פרידמאן אונ וואר איר בצניעות ענטפערין מיין ליבע זאלישט ווישין דאש איך מיין דו בישט מיין בשערטע. ווען איך גלייך איין ארימער בחור בין. איך האף דאך אויף פיל גוטש אונ דער ציילט איר דיא מעשה מתחלה ועד סוף זיא זאגט צו אים האלט נאך שטיל דיא זאך עש איז נאך קיין צייט ניט. נאך דעם פאר מאכט זיא דעם פענצטער אונ בלייבט אין איר צימער אונ דער בחור גייט אין דער שול ארין פון שול קומט ער ווידער אין דער ישיבה עש ווערט ווידער גיפרעגט בייא דעם לערנען פיל קשיות אבער קיין תרוצים ווערט ניט גיענטפערט:

דער בחור ברוך קומט ווידער בייא דער נאכט אונ שרייבט אויף דיא קשיות תרוצים אונ שרייבט אונטער זיין חתימה ברוך בן הרב רבי פרידמאן צוא מארגין פריא קומט דער רב רבי שמחה ארין אונ גיפינט דאש אלעס ליגין אויף דעם טיש זוא ווערט ער זייער דער שראקין. ער זאגט איך האב גימיינט ביז אהער דאש

אליהו

ברוכס חלום

20

21



אליהו הנביא בייא אונז אין דער ישיבה פאראן איז וועלכער אונז דיא אלע תירוצים פאר ענטפערין טוט · נון איצונד זעה איך דאש עש ניט אזו איז · נאר דאש איינער פון אונזרע לייט איין פאר בארגנער היר מוז זיין ער לאזט גלייך אלע ישיבה בחורים צוא הויף רופין עש גיפינט זיך אבער ניט איינער וועלכער מיט דעם נאמען נענט זיך דען דער ארימער בחור האט זיך צוא פאר מיט איין אנדער נאמען לאזין רופין טוביה בן לפידות זוא וואר דער רב זייער דער צארינט אונ אום וועגין גרויש פאר דראס גייט ער צו זיין טאכטער אין צימער אריין · זיא פאר שטייט אן זיין גיזיכט דאש ער איין פאר דראס האט · זוא פרעגט זיא אים וואש דיזעס באטייטין זאל · ער דער ציילט איר דיא גאנצע מעשה :

דא שפראכט זיא צוא אים ליבער פאטער מיר שיינט דאש דיזער ארימער בחור וועלכער היר ניט לאנג איז · דיזער מוז איין גרוישר למדן זיין ער שפרעכט צוא איר מיין ליבש קינד רייד דאך קיין נארהייט · דיזער יונג איז נאר איין עם הארץ מען רופט אים אויך נאר אנדערש · זיא שפראכט העך פאטער דאש קאן אלעס מיגליך זיין גייט נאר צו הויז אונ דערינגט אים דאש ער דיא ווארהייט זאגין זאל · זוא גייט ער אין דער ישיבה · ער לאזט דעם ארימען בחור גלייך צו זיך הוילין אונ פארשט אים אויף אלע זייטין ביז דאש ער מוז זיך מודה זיין דאש ער איז דער נעמליכער ברוך בן פריד מאן · וואש האט אלע קשיות פאר ענטפערט · ער הויבט אן מיט אים מפלפל צו זיין ביז דאש דער רב בלייבט נאר שטיין אונ קאן אים גישט מער ענטפערין · זאגט דער רב בישטו ברוך (ברוך אתה בבואך) מיין קינד ווארום האשטו דיך אזוא לאנג אויף גיהאלטין · זאגט ער ליבער רבי איך האב מיך גיפארכט דאש מיינע רייד וועלין ניט צו גיהערט זיין · ווארום (חכמת המסכן בזויה) איין ארימאנש חכמה איז פאר שעמט · מיין פאטער איז איין ארימאן · נוא זאגט דער רב ליב קינד איך האב איין בת יחידה ווילשטו זיא האבן פאר

איין



איין ווייב מען רופט זיא אסתר ברכה אונ זיא איז גיבענטשט מיט אלדינג · זאגט ער ליבער רבי איין אשה טאר מען ניט נעמען ביז מען מוז זיא צו פאר זעהן · אזוא באלד ברייננט דער רב ארויש זיין טאכטער אן גיקליידט אין בגדי נגידים אונ זאגט צו דער טאכטער וואש ווילשטו מער האבין דא האשטו דיין גיבענטשטין ברוך דיין בשערטער · זוא שפראכט זיא צו איר פאטער איך האב וואש איך נייטיג בסוד צו פאר ציילין · ער גייט מיט איר אין צימער זיא פאר ציילט אים דעם גאנצין חלום וואש איר האט זיך גיטרוימט צוא פאר אום וועגין דיזען בחור · זוא ווערט דער פאטער נאך מער לוסטיג אונ דיא כלה אויך · עש ווערט גלייך דעם עולם גירופין אויף תנאים אונ עש ווערט דער שידוך גישלאסין מען לייגט אפ דיא חתונה נאך אויף איין מאנהייט אין עטליכע טעג ארום האט דער בחור אין חלום גיזעהען עש קומט צוא אים איין אלטער פארכטיגער מאן אונ שפראכט צו אים הער צו מיין קינד עש איז וואר דאש דיא בתולה אסתר ברכה דיין רעכטע באשערטע איז · דוא קאנשט אבער נאך מיט איר קיין חתונה האבין · דוא מוזט נאך פיל ליידין אונ אויש שטיין נאך דעם ערשט ווערשטו חתונה האבין · דרום מוזטו פון היר גלייך אוועק רייזין אונ עש וועט דיר נאך פיל ניסים גישעהען אבער דאש ענד פון דיר וועט זייער גוט זיין · גייא אויך צוא דיין כלת אונ פאר צייל איר דיא גאנצע זאך וואש איך זאג דיר איצט :

נוא דער חתן ברוך וואכט זיך אויף פון זיין שלאף אונ ווערט דריבר זייער דער שראקין · צוא מארגין גייט ער צוא זיין כלה אונ פאר ציילט איר דיא גאנצע מעשה פון דעם חלום · זיא זאגט צו אים דאש מוז גיוויש איין ווארהאפטיגער חלום זיין אונ דיזין מאן דען דוא גיזעהען האשט מוז אליהו הנביא זיין · ער בלייבט נאר איין פאר טעג אונ מאכט זיך פארטיג אויף דעם וועג זייא שווערין אויף איינער צו דעם אנדערין דאש זייא זיבין יאר איינער אויף דעם אנדערין ווארטין מוזין אונ ניט חתונה האבין אונ דיא זאך ווערט בסוד גהאלטין

דער

דר זעגינט זיך אפ מיט זיין כלה אונ פר גיסט דר בייא היישע טרערן · אונ מאכט זיך פון דער שטאט אוועק · דען ערשטין טאג גלייך ווי דער חתן אוועק איז האט מען אים אן גיפאנגען צוא זוכין אונ מען האט אים גיזוכט אגאנצע אכט טאג עש איז אבר (אין קול ואין עונה): בקיצור אין (בבל) אין דער שטאט וואו דער רבי פרידמאן האט

גיוואוינט איז דער נשיא גישטארבין · אזו איז בייא זייא גיבליבין אז מען זאל שיקין נאך דעם דאזיגין רב פון (סאלוניקע) אונ מען זאל אים פאר איין נשיא מאכין · מען קלייבט אפ פאר איין שליח דעם הגאון רבי פרידמאן ווארום ער וויל אויך גיווארין ווערין אין ווענ אויב ניט זיין זון איז אהין גיקומען · אונ דער רב רבי פרידמאן קומט קיין (סאלוניקע) צוא דעם רב רבי שמחה אן מיט גרויש שמחה אבער דער רב רבי שמחה וואר טרויעריג פון דעם בחור ווענין זיין חתן וואש ער אוועק איז · דער רבי פרידמאן פרעגט אים ליבער רבי ווארום זאלט איר אייך ניט משמח זיין · איר זייט דאך זוא צו איין כבוד גיקומען איין נשיא צו ווערין אין (בבל) · אזוא זאגט ער מיין צער איז גרויש · דען איין בחור איז מיר אוועק איין גרוישער תלמיד חכם · איך האב אים מיין טאכטער זעלין געבין · אונ דער ציילט אים דיא גאנצע מעשה וויא אויבן איז גידאכט גיווארין · זוא זאגט דער גאסט ליבער רבי זאגט איר גיוויש אז ער האט גיהייסין ברוך בן מוהר"ר פרידמאן · זאגט דער רב גיוויש האט ער אזו גיהייסין · דא זאגט ער דאש איז מיין ליבר זון גיוועזין אונ טרייבין אלע ביידע איין גרוישין יאמער אונ שיקין אים זוכין אויף אלע שטראסין · עש איז אבער גאר נישט צוא הערין · דער יאמער איז פון דעם פאטער זייער גרויש גיוועזין · אונ פון דעם

רב רבי שמחה איז נאך מער גיוועזין:

נוא וועלין מיר ווידער שרייבין פון דעם ליבין בחור · ער איז נעבך פאר אירט גיווארין אונ איז נעבך נע ונד גיוועזין אונ איז פיל צרות אויש גישטאנען פון הונגער אונ וואר אין וואלד גיקומען · ער

איז



איז אזו גיגאנגען צווייא טאג אונ האט ניט קיין כח מער גיהאט צוא גיין אונ איז פרייטאג צו מיטאג אין איין גידיכטין וואלד גקומען אונ ער הייבט אן צוא וויינען אונ זאגט ליבער גאט איך בין פון מיין פאטער אונ מוטער אוועק גיפארין לערנען דיא היילוגע תורה · אונ דרום זאל איך אזו בטריבט זיין אונ ווערט דאך איין גישלאפין פאר גרויש וויינען אונ האט גישלאפין ביז איין שעה · וויא ער וואכט אויף דא גיפינט ער צו קאפין איין לעביל ברויט אונ איין קריגיל וואשער · אונ אויף דעם קריגיל איז גישריבין גיוועזין (פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא) דער נאך איז אויך גישריבין גיוועזין (לך בכח האכילה וקום עלה ההרה) דאש איז טייטש עש ברויט מיט זאלץ אונ טרינק וואשער מיט דיא מאס וואול דיך בעולם הזה ובעולם הבא גייא מיט דעם כח פון דיזין עסין אונ קום צו מיר אויף דעם בארג · ער נעמט פון דעם ברויט אונ וואשער אונ וויא ער נאר פאר זוכט האט אזו פילט ער דריגען איין גרוישין טעם · וויא ער אפ גיגעסין האט דער זעהט ער פון ווייטין איין גרוישין בארג · ער גייט אהין ער פאנגט אן אויף דעם בארג צו גיין עש איז אים אבער צוא שווער · זוא קומט איין ווינד אונ טראגט אים ארויף · ער זעהט זייער איין שיין פאלץ אונ דרינען איין טיש מיט צוועלף גילדערנע שטולין אונ דרויף אלירלייא כסף וזהב דאש נים צו דער שרייבין איז אונ אלער האנט בעשטע מאכלים אונ אויף איטליכין איז גישריבין (כשר) דער נאך האט ער דער זעהען זייער שיינע קליידער ער האט עש אן גיטאן אונ האט מקבל שבת גיוועזין מיט זיין שיין קול · דער נאך האט ער זיך גינומן וויין קידוש צו מאכן ווארום ער האט גיהאט ויין גינונג צו טרינקען · עש וואר אויך עטליכע בעטין אויש גיבעט זייער שיין · אונ וויא ער וויל זיך אויף איין בעט אנידער לייגין דא הערט ער איין קול (אל תקרב הלום) דאש איז טייטש ניט גינעהין אהער · נון לייגט ער זיך אין איין אנדר בעט אונ לייענט קריאת שמע מיט גרויש כוונה:

בקיצור

בקיצור ער זיצט זוא איין צייט אין דאש שיינע הויז אונ עש פעלט אים ניט קיין זאך · צו אלע מארגין פריא גיפינט ער אויף דעם טיש פון אלע שענסטע מאכלים אונ משקאות ער האט אויך דארטין אלערלייא ספרים אונ זיצט שטענדיג אונ לערינט · אויף איין מאל לערינט ער איין קבלה ספר אונ עש וואר אים אויף איין ארט זייער הארב אונ קאן ניט פאר שטיין · אזו וואר ער זיך דריבער זייער מצער · ער פאסט צווייא טאג נאך אנאנדער אונ פאר בריינגט גרוישע תפלה · זוא קומט צוא אים צוא גיין איין אלטער מאן אונ שפראכט מיין קינד ווארום טושטו זיך פייניגין · איך בין גישיקט גיווארין היר צו פאר ענטפערין וואש דיר הארב איז אין דעם קבלה ספר ער פרעגט אים ווער זייט איר דען מיין הער · דער אלטער מאן ענטפערט אים איך בין אליהו הנביא · דער חתן ברוך פאלט אויף זיין פנים פאר אים אונ ציטערט פאר פארכט · אליהו הנביא הייבט אים אויף אונ זאגט מיין קינד פארכט דיך ניט איך בין גישיקט גיווארין דיר צוא הילף זיין · אונ דיזער ארט וואו מיר איצונד זיינן איז שוין פון לאנגע צייטין אן גיברייט פאר דיא גאטיש פארכטיגע לייט · וועלכע זיך אן גאט בשיצין · דוא מוזט נאך דא איין צייט בלייבין · איך ווער מיט דיר אפ לערנען ביז דיא צייט ווערט קומען דאש דוא חתונה האבין ווערשט · אונ אויך מיט דיין פאטר הגאון רבי פרידמאן זיך זעהען ווערשט · עש ווערט דיר נאך פיל וואונדער גישעהן וויא ער דיזעם אלעש אויש גירעט האט ווערט ער ווידער פאר שוואונדין פון איהם · דער חתן ווערט פול פרייד אונ בלייבט דארטין זיצין איין לאנגע צייט עש טרעפט זיך ווידר איין מאל דאש אליהו הנביא קומט צו איהם אונ לערינט מיט איהם סודות התורה זוא פרעגט דער חתן ברוך בייא אים · מיין רבי אין וואש פאר איין ארט בין איך דא · אונ וואש פאר איין לאנד איז דאש · ער ענטפערט אים מיין קינד דוא בישט אין ארץ ישראל דאש איז אבר איין פאר בארגענער ארט וואש קיין מענטש ווייש ניט פון דיזין ארט · דיזער

ארט



ארט איז פאר הוילין פון דיא לייט אונ גאהענט פון היר איז דער גן עדן התחתון :

דער חתן זאגט צו איהם ליבער רבי איך וואלט גערין דאש ארט פון דעם גן עדן התחתון זעהען · דא שפראכט אליהו ניין מיין קינד · איין לעבעדיגער מענטש קאן דאש ניט זעהן אבער זוא פיל וועל איך דיר טאן פון ווייטין וועל איך דיר ווייזין עש ווערט גלייך איין ווינט אונ טראגט זייא ביידין אוועק · זייא קומען אויף איין הויכין בארג אונ אליהו זאגט צו אים זעה גלייך אויף דרום זייט אונ וויא ער זיינע אויגין נאר אהין גיווארפין האט · קאן ער דאש שיין אונ ליכטיקייט פון דעם גן עדן מער ניט ליידין · אונ עש ווערט אים זיינע אויגין גאר פאר בלענט · ער שרייט ליבר רבי איך האב גאנץ פאר דארבין מיינע אויגין · זוא נעמט אליהו זיין עק פון קלייד אונ לייגט אים אויף זיין פנים · אונ דער חתן ברוך ווערט ווידער אויף זיינע אויגין פריש · עש קומט באלד ווידער איין וואלקין אונ טראגט זייא ביידין אוועק אויף דעם פאריגין ארט נאך דעם שלאס · ער בלייבט דארטין ווייטער זיצין איין צייט אונ אליהו קומט אפט צוא אים אונ לערינט מיט אים סתרי תורה איין מאל פרעגט דען חתן אים ליבער רבי עש איז מיר אמת דא זייער גוט עש פעלט מיר קיין מינטשטע זאך ניט · נישט מער עש איז מיר באנק דאש מיין ליבר פאטער אונ מוטער אונ מיין חשובה כלה האבין גרויש צער אז זייא ווייסין ניט וואו איך בין אהין גיקומען זייא פאר בריינגען דריבער געוויס גרויש דאגה · אליהו ענטפערט אים דאש מוז שוין ניט פיל וואש גיווערין דוא ווערשט נאך קומען ווידער צוא דיין פאטער אונ מוטר אונ פון דארטין צו דיין כלה עש ווערט דיר נאך פיל ניסים גישעהן אונ ווערשט דיינע יארין מיט דיין פרוי דיא דו חתונה ווערשט האבין אייטיל אין גוטין פאר בריינגען · ער פרעגט ווידער וויא ווייט ער פון זיין פאטער לאנד איז · ער זאגט צו אים עש איז פיל הונדערט מייל · זוא שפראכט דער חתן · זוא איין ווייטין וועג קאן איך דען הין קומן

ער

ער ענטפערט אים מיין קינד פאר דעם זארג ניט · לאז מיך זארגין · דער חתן בלייבט דארטין ווייטער זיצין פאר ברייננגט טאג אונ נאכט אונ לערינט סתרי תורה אונ ווען נאר אים עפיש הארב איז קומט אליהו אונ פאר ענטפערט אים :

נוא וועלין מיר דעם חתן דארטן לאזין אונ פון דער כלה דער ציילן :

דער רב רבי שמחה האט ניט גיוואלט דיא נשיאות פון (בבל) אן נעמען אונ בלייבט ווייטער אין זיין שטאט זיצין · אונ דער רב רבי פרידמאן ציהט צו ריק קיין (בבל) אונ וויא ער קומט נאר אליין זוא ווערט דיא מוטער זייער בטריבט נאר ווייל זייא דיא גרוישע וואונדער גיזעהן האבין אן זיין גיבארין טאג פאר לירין זייא ניט זייער האפונג פון זייער קינד · דיא כלה אסתר ברכה איר שם וואר גיין אין דער גאנצער וועלט אונ ווען אויך עש איז גיוועזין צו הערין דאש בייא איר שוין צווייא חתנים פאר לארין זיינען גיווארין · קומען דאך אפט פיל יונגע לייט זיך מיט דער כלה משדך זיין · עש גיפעלט אבער דעם פאטער דעם רב קיינער ניט · אויף איין מאל קומט צו פארין איין יונגער אלמן מען האט אים גירופין ברוך בן הרב רבי שמואל זייער וואול גילערינט אונ אויך דער בייא אלע מעלות דאש קיין ערך האט ניט גיהאט · נון דער פאטער פון דער כלה וואר זייער צו פרידין מיט דעם אלמן זיך משדך צו זיין נאך מער אז וויא מיט דעם ערשטין אונ מיט דעם אנדערין חתן אונ וויל אים געבין דיא טאכטער · אבער דיא טאכטער גייט עש גאר ניט איין אזוא זאגין זייא צוא איר מיין טאכטער ווארום האשטו קיין חשק ניט צו אים · ער איז דאך פיל חשובר וויא דער ערשטער אונ דער אנדערער חתן אונ ריידין איר אזו פיל דברי נחמות אזוא לאנג דאש דיא טאכטער זאגט ליבער פאטער אונ מוטער איך וויל אייך זאגין דיא רעכטע ווארהייט עש איז מיר שוין פאר באטין · עש האט מיך צום ערשטין מאל גיחלומת איך זאל דעם ערשטין חתן מרדכי ס״ט אפ שאפין

דען



דען מיין חתן וועט היישין ברוך בן הגאון מוה״ר רבי פרידמאן אונ דער היישט ברוך בן מהור״ר שמואל אונ זעהט וויא עש איז אים אויש גינאנגען אז איך האב דעם חלום ניט גיפאלגט · נוא וואש ווילט איר דען זיך איצט איין פירין אז איינער זאל פון אונז פאר דער צייט פון דר וועלט אום קומן · איך מוז שוין אויף דעם אנדערין חתן ווארטין · עש מאג זיין וואש עש וויל זייא ריידין איר איין מיט אלע מיגליכקייט אונ גיבין איר צוא פאר שטיין אז איין חלום קאן ניט זיין אן דברים בטלים אונ דאש וואש מען דארף רופין דעם פאטר רבי פרידמאן איז עש ניט דווקא אזוא :

נוא וויא נשים איז (דעתן קלות) ווייבער זיינען גרינג אין דר דעה לאזט זיא זיך איין ריידין ווייל דער חתן גיפעלט איר אויך זייער אונ אן דיא ערשטע טוט זיא זיך גאר פאר געסין · עש ווערט שוין למזל טוב צום דריטין מאל תנאים גישריבין אונ דער חתן בלייבט בייא דעם רב זיצין נוא וויא עש איז גיקומען שוין דיא חתונה צייט דא קומט אין איינע נאכט אין חלום צוא דער כלה איין מאן אונ זאגט צו איר דוא גיבענשטע כלה זאלשט ווישין אז דער יונגער מאן מיט וועלכין דוא דארפשט איצונד חתונה האבין איז ניט דיין באשערטער נאר דער ברוך בן הרב רבי פרידמאן דער איז דיר אן גיברייט נאך פערציג טעג איידער דוא בישט גיבארין גיווארין זאלשט ווישין אז ער איז אין איין פאר בארגנעם ארט אונ טוט יום ולילה סתרי תורה לערנען · עש בווייזט זיך צוא איהם אפט אליהו הנביא עש פעלט איהם אויך קיין מינשטע זאך וואש נאר איין מענטש צום לעבין דארף אונ זאלשט ווישין דאש אין איין יאר צייט קריגשטו דיין חתן היר צו ריק נון וויא דיא כלה וואכט אויף פון שלאף גייט זיא גלייך צו איר פאטער אונ מוטער אונ פאר ציילט זייא דיא גאנצע זאך · זייא פאר וואונדערין זיך זייער דריבער · זוא בלייבט ביי זיי דאש זייא זאלין דען פרישין חתן אפ שאפין · אונ עש ווערט אויך זוא גישעהען זייא לאזין אים רופין אונ פאר ציילין אים פון דעם גאנצין

חלום

חלום · זייא צוא רייסין דיא תנאים אונ פאר גיטיגין אים פאר זיין קיוש מיט פינף הונדערט שטיק גאלד · אונ ער ציהט בשתיקה צו ריק צוא זיינע עלטערין · עש גייט דער שם אין דאש גאנצע וועלט דאש דער דריטער חתן איז אויך פאר לארין גיגאנגען זוא וויא דיא ערשטע צווייא אונ דאש דיא כלה איין קטלנית איז ווייל איר שוין דרייא חתנים זיינען אוועק גיקומען · נון בלייבט שוין בייא דעם פאטער אונ מוטער פון דער כלה אסתר ברכה ווען עש זאל שוין קומען איין מלאך פון היכל אונ איר איין שידוך ריידין ווערט זיא שוין קיין אנדערין חתן נים נעמן · דיא כלה מיט אירע עלטערן וואר שטארק אין זייער גלובין דאש איר רעכטר בשערטר קומן ווערט · עש וואר איר דיא צייט צוא לאנג אונ וואלט שוין גערין דאש יאר זאל זיך ענדיגין :

נוא וועלין מיר ווידער אן פאנגען פון דעם ערשטין חתן מרדכי ס"ט וועלכער איז אין (אבעסינייע) :

עש וואר איין מאל דאש דער פאריגער פירשט פון (אבעסינייע) וועלכער אויך איין יהודי וואר אונ דער ראט הער דער חתן מרדכי ס"ט פארין שפאצירין אונ עש וואר קיינר ניט מיט זייא מער זייא קומען אויף זייער איין שיין פלאטץ אונ זעצין זיך אנידער פון דעם שיינעם לופט צו גיניסין · אונ ריידין פון פיל אונטר שיידליכע זאכין נאך דעם זאגט דער פירשט צו דעם ראט הער דעם חתן · מיין זון וואש ווערט דען דיא ענד זיין דאש מיר מוזן אונזער היליגע (אמונה) נאציאן זוא אלץ בסוד האלטין · מיר קאנען דאך אונזרע אלע מצות ניט רעכט גרונדליך האלטין מיר מוזין איין מיטל גיפינן דאש מיר זאלין זיך אנטפלעקין דאש מיר יהודים זיינען ווען אויך עש זאל אונז אונזר לעבין קאסטין · מיר וועלין אבר דא דורך דאש אייביג לעבין גיניסין אונ זוא אויך האבין דאך אונזערע עלטערין פיל מאל גיטאן · דער חתן ענטפערט דען פירשט איר האט זייער

רעכט



רעכט מיין הער · איך גלויב דאש דער אלמעכטיגער גאט אונז דער צוא העלפין ווערט :

נון וויא זייא זוא צוא זאמען שפרעכין דער זעהען זייא אין דער הויך וויא איין גישטאלט פון איין מענטשין זיך פון איין וואלקין אויף דער ערד ארונטער לאזט אונ גינעהנט צוא זייא זייא וואַרין אבער זייער בהארצט · מאכין זיך דרויף גאר קיין שרעק אונ בלייבן זיצין אויף זייער ארט ווייטער · נוא דיזער מאן קומט וואש נעהנטר צוא זייא אונ וואר שוין רעכט בייא זייא אונ וויל זיין וועג ווייטר פאר בייא גיין זייא מעכטין גערין זעהען זיין פנים · ער וואר אבער מיט איין קאץ איבער זיין קאפ אונ ענצעלט צו גידעקט · זוא שטייגין זייא אויף פון דער ערד לויפין אים נאך אונ זאגין אין דער (אבעסינישע) שפראך הער ווער זייט איר דען פריינד אדר פיינט · איר מוזט ווישין דאש היר דער פירשט אונ דער ראט הער פון דאש לאנד (אבעסינייע) איז · ער ענטפערט זיי מיט לשון הקודש שפראך · איך ווייש עש רעכט גוט ווער איר זייט אונ איך בין אויך פון אייערט וועגין היר גיקומען · נוא וויא זייא הערין דאש לשון הקודש שפראך פון אים · פאר וואונדערין זייא זיך זייער דריבער · אונ מערקין זיך דאש דיזער מאן מוז וואש הייליג זיין זייא פאלין אים צוא דיא פיס אונ בעטין דאש ער דען קאץ פון זיך ארונטער ווארפין זאל · דאש זייא אים אין זיין פנים קאנן זעהן ער ענטפערט זייא גיין קינדער דיזעם איז אייך נאך ניט דער לויבט · דען ווען איך ווייז זיך פאר אייך אין גישטאלט פון איין מענטשין · איך בין אבער גאנץ וואש אנדערש · דיא לייט ווערין זייער דער שראקין אונ פאנגען אן צוא וויינען אונ בעטין פון אים דאש ער זייא זאגין זאל פון וועשט וועגין ער היר גיקומען איז :

זוא זאגט ער זייא דיא גאנצע ווארהייט דאש ער איז אליהו הנביא אונ איז היר גישיקט גיווארין אום צוא טרייסטין זייא · דאש זייערע גוטע גידאנקען פון צוא לאזין זיך דער קאנען פאר יהודים

איז

די גוטע בשורות 30



איז אין הימיל אן גינוסען געווארין אונ מאכט נאר וואש אייער מגליכקייט איז · אונ דער אלמאכטיגער ווערט אייך צוא הילף זיין · אויך זאגט ער צום פירשט וייל דיין עלטערין שוין לאנג גישטארבין זיין זוא מוזטו אין דיזעם לאנד בלייבין אונ ווערשט אויך פיל יאהר לעבין מיט גרויש עהר · ווערשט אויך הערשין איבער פיל לענדר דיא דוא באצווינגען ווערשט פון דיינע נאכבארן (שכנים) · אונ צוא דעם חתן מרדכי ס״ט זאגט ער דוא מיין קינד מוזט צוא הויז קומען נאך דיין פאטער לאנד צוא דיינע עלטערין ווערשט אויך פיל עשירות הין מיט ברייננגען אונ דיינע עלטערין וועלכע פון דיר פיל צער אונ פיין האבין נאך ביז דיזע טעג ווערין פון דיר גרויש נחמה דער לעבין ; ווערשט אויך איין פרויא נעמען וועלכע דיר באשערט איז אונ וועשט מיט איר גיווינען עטליכע זין גרוישע תלמידי חכמים דער חתן שפראכט מיין הער איז ניט דיא זעלביגע וועלכע איך האב שוין לאנג מיט איר תנאים גישריבן דיא טאכטער פון הרב רבי שמחה פון (סאלוניק) ער ענטפערט אים ניין מיין זון דיזע איז אן גיבריים פאר איין אנדערין ער פרעגט ווידער אן אליהו וויא ארום זאל איך צו הויז רייזין מיט ים אדער מיט יבשה · אונ ער ענטפערט אים זאלשט רייזין מיט יבשה · דער חתן שפראכט עש איז דאך מיט יבשה זוא פיל הונדערט מייל · אונ דאש ווערט איין לאנגע צייט פאר נעמען זוא ענטפערט ער אים מיין זון זאלשט פאר דעם ניט זארגין אין דעם נעמליכין טאג דאש דוא פון היר ארויש גיין ווערשט · קומשטו אויך אין דען זעלביגין טאג נאך דיין פאטר לאנד · אונ וויא ער נאר דיזע ווערטר אויש גישפראכן האט · ווערט ער פאר שוואונדין נון דער פירשט אונ דער חתן פאלין אויף דער ערד : דאנקען אונ לויבין דעם אויבערשטין פאר דיא גוטע בשורות דאש זייא אנטפאנגען האבין · נון הייבין זייא אן צווישין זיך איין עצה האלטין · וואש זייא מאכין זאלין · עש בלייבט בייא זייא דאש צוא פאר זאל זיך דער חתן דער ראט הער לאזן

31



לאזין אנטפלעקין דאש ער איין יהודי איז · אונ וועןן ער זאל דארפין גישטראפט ווערין דורך דיא ריכט אונ גיזעץ פון דאש לאנד ; זוא ווערט אים דאך דער פירשט קענען העלפין דער צוא וואש מיגליך איז נאך דעם רייזין זייא ווידער דער פירשט אונ דער ראט הער צו הויזע נאך זייער וואונונג · אין איין פאר טעג ארום לאזט דער פירשט אלע זיינע ראטש הערין פון דאש גאנצע לאנד צוא זיך רופין אום וועגין · איין עצה צוא האלטין · דאש ער דארף מיט איינעם פון זיינע שכנים שטרייט צוא פירין עש קלייבין זיך אלע צוא זאמען אבער דער חתן מרדכי ס״ט קומט ניט מיט פלייס צו דער פאר זאמלונג · עש וואר גראד שוין אבינט צייט אונ דער פירשט פרעגט בייא דיא בדינער וואש דיזעם בטייטין זאל דאש דער ראט הער מרדכי ס״ט ניט צוא דאש פאר זאמלונג גיקומען איז · אונ באפעלט גלייך אים צוא ברייננגען דיא בדינגער קומען אן אונ גיפינען אים גראד דאש ער אין איין בזונדער צימער מנחה דאווענען טוט · זייא שפרעכין צוא אים דאש גאנצע פאר זאמלונג פון אלע ראט הערן זיינען שוין ⟨באיין⟩ פירשט פאר זאמט קיין צייט מער אונ קומט אויך הין ער ענטפערט זייא איך מוז צוא פאר מיין גיבעט תפלה פאר ריכטין מתפלל זיין ווייל איך איין יהודי בין · דיא אנדערע אבער ראטש הערין וועלכע נאר היידין זיין דיא האבין קיין רעכטע אמונה ניט אונ ברויכין אויך קיין גיבעט פאר ריכטין מיט דיזין ענטפער גייען דיא באדינטע צוא ריק נאך דאש פאר זאמלטע הויז אונ פאר ציילין עש אן דען פירשט אונ דיא ראט הערין דער פירשט מאכט זיך גאר ניט ווישין דער פון · אבער אונטער דיא ראט הערין ווערט זוא איין גירודער אונ לארעם · דאש מען זאל אים גלייך היר בריינגען אונ עש ווערט אויך זוא גישעהען · מען בריינגט אים אונ מען לאזט אים זיינע הערליכע קליידער אפ ציהען מען זעצט אים אין איין פינצטערין חדר אריין ביז צוא מארגין פריא דאש ער גיריכט ווערין זאל :

דער

32



דער קיניג קאן דיא גאנצע נאכט ניט שלאפין ווענין גרויש אנגשט ·
דער חתן אבער ווייל ער זיין האפנונג האט ניט פאר לארין שלאפט איין אונ עש קומט אים דער זעלביגער פאריגער מאן אין חלום אונ זאגט אים מיין קינד עש ווערט דיר מארגין גרויש וואונדער גישעהען זוא וואכט ער זיך אויף אונ ווערט מלא שמחה אבער עש קומט גלייך איין גרוישע וואך אונ מען פירט אים אויף דאש גיריכט ; אונ וויא דער פירשט האט דער זעהען דאש ער זייער פריילוך איז · זאגט ער צוא דאש גאנצע פאר זאמלונג דאש ער וויל אים צוא פאר זעלבשט עקזעקוטירין ער גייט מיט אים אין איין בזונדער חדר אונ דער חתן דער ציילט אים דאש גאנצע טרום · נוא זעצט זיך דער פירשט מיט דיא הערין צום ריכט · פיל פון דיא רשעים ווילין אים צוא טויט ריכטין · דער פירשט טוט אבער אלע זיינע מיגליכקייט אים מציל זיין פון דאש טויט עש איז אבער זייער שווער · זוא דער הערין זייא איין הויכין קול טוט שרייען איר פאר פלוכטע היידין ווען איר דיזין יונגין מאן טייטין זאלט · זוא בלייבט פון אייער גאנצע לאנד קיין מענטש מער לעבין אונ אין דרייא טאג ווערט איר דורך איין מגפה דאש לעבין פאר לירין · דיזעס נאר איז אייך דער לויבט דאש ער פון אייער לאנד ארויש רייזין זאל · נוא דאש גאנצע פאר זאמלונג ווערין פון שרעק פאר מישט · מען לאזט אים גלייך פרייא אונ ער גייט מיט דען פירשט צוא הויז אויף מארגין לאזט דער פירשט ווייטער דאש פאר זאמלונג איין זאמלען · אונ פאר טרויט זייא דאש ער אויך איין יהודי איז אונ זייא טוען אים אלע צוא שווערין דאש ער אונ אויך זיין נאך קומונג אויף אייביג קיניגין בלייבין זאלין · דער חתן מרדכי ס"ט מאכט זיך פארטיג אויף דאש רייז ; ער ווערט פון דעם קיניג אונ פון דיא רייכשטע הערין באשיינקט מיט פיל טייערע דימענטין · אונ אויף דעם דריטין טאג פאנגט ער אן פון דער שטאט ארויש צוא רייזין דער קיניג זעלבשט אונ

דיא

33



דיא פאר נעמסטע הערין טוען אים מיט גרויש עהר בלייטין · אין עטליכע טאג קומט ער נאך זיין שטאט איזמיר נוא קאן מען פאר שטיין וואש פאר איין שמחה עש וואר אונטער זיינע ליבע עלטערין אונ דיא גאנצע משפחה ער פאר ציילט זייא זיין גאנצע גישיכטע אונ אויך פון זיינע עשירות דיא ער האט גיבראכט · דיא אלע לייט וועלכע גיזעהען האבין דעם גרוישין וואונדער פאלין צום צווייטין מאל דען קיניג צוא דיא פיס · אונ שפראכין מיר זעהען איצונד דאש דיא גלויבונג פון דיא יהודים איז פיל בעסער וויא היידעשע · עש האבין זיך פיל פון זייא מגייר גיוועזין זייא האבין אויך פרייהייט גיגעבין דאש יהודים פון אנדערע מדינות זאלין זיך דא באזעצין וויא עש אויך גישעהן איז · אונ דיא היידין האבין דיא אמונת יהודים גילערינט · ביז דאש עש וואר שוין דאש גרעשטע טייל איין וואונער אלש פון יהודים · דער קיניג לעבט פיל יארין מיט גרויש גליק · אונ אויך פיל לענדער באצוואונגען · אונ אויך נאך ביז איצונד טוט איין יהודי דאש לאנד רעגירען · זוא וויא אין דער יעאגראפיע פאר מעלט איז :

נוא וועלין מיר ענדיגין מיט דעם חתן ברוך בן פריד מאן וויא ער צו זיין פאטר גיקומן איז : אונ פון דארטין צו זיין כלה אסתר ברכה :

דער חתן ברוך איז איין צייט גיזעסין אויף זיין ארט · אונ קריגט מער ניט צוא זעהען זיין רבי אליהו הנביא ער לערנט דען ספר (יצירה) אונ פאר שטייט ניט אויף איין ארט · זוא טוט ער גרויש תפלה דרויף אונ פאסט איין הפסקה · זוא קומט אים אין חלום זיין רבי · אונ איז מגלה דעם סוד · אונ זאגט צוא אים · מיין קינד ווען איך האב דיר שוין אויך דאש מגלה גיוועזין · זוא ווערט דיר שוין קיין זאך מער הארב זיין

גימל  דוא

דוא בישט שוין דער גרעסטער למדן אין סתרי תורה דוא קאנסט שוין אהיים רייזין אונ פון דארטין נאך דיין כלה צוא קומען • ווערשטו מיר נאך איין מאל צוא זעהען באקימען ער וואכט אויף פון שלאף אונ גיפינט מער קיין פאלעץ • קיינע הייזער קיינע ספרים • נאר דאש ער ליגט אויף איין באוואקסינע פעלד מיט גראז • ער שטעלט זיך אנידער אונ וויא ער נאר פאנגט אן צוא גיין • זוא דער קאנט ער דאש ער בייא זיין שטאט איז וואו זיין פאטער הרב רבי פרידמאן וואונט • ער גייט גלייך אין דער שטאט אונ קומט אהין • נוא עש קען שוין מער קיין שמחה זיין אין דער וועלט וויא דארטין וואר • ער פאר טרויט אבער נאך ניט פון זיין גאנצע מעשה וויא מיט אים גיגאנגען איז • ווען אויך מען אים פיל אום דעם גיבעטין גיהאט • אום פאר שפראכט זיא אלעם צוא דער ציילין צוא דער צייט אז ער וועט מיט דיא אסתר ברכה התונה האבין • דער פאטער שפראכט צו אים דיין כלה האט שוין פילייכט איין אנדערין גינומען • אונ ער פאר זיכערט דעם פאטער דאש זיא אויף אים ווארטין טוט • ער שיקט צוא פאר איין שליח ארויש קיין (סאלוניקע) צוא דען רב רבי שמחה זיך אויף דער חתונה צוא ריכטין • דער שליח גייט אהין אונ עש ווערט דארטין אלעש צוא גיגרייט מיט גרויש פרייד • אונ אין איין קליינע צייט פארט דער חתן מיט זיינע עלטערין אויך אהין אונ וויא עש קומט דער טאג פון דער חופה צייט זוא דער מאנט זיך דער ערשטער חתן מרדכי ס״ט אן דיא כלה. אסתר ברכה • אונ וואלט אויך גערין ווישין וויא מיט איר דער גאנגען איז • ער גייט פון שטאט ארויש אונ קומט אהין • ער דער ווישט אין דער שטאט גרויש שמחה • פרעגט ער וואש דיזעם באטייטין זאל • מען ענטפערט אים דאש דעם רב רבי שמחה זיין טאכטער היינט חופה מאכין וועט • אונ דער חתן ברוך דרשת איין גרוישע דרשה אין תורה דאש דיא גרעשטע לומדים האבין ווייניג וואש גיקאנט פאר

שטיין



שטיין • עש בענטשין זיך מיט דיא פאר פאלג דיא גאנצע שטאט • אונ וויא דער ערשטער חתן דיזעס אלעש מיט זיינע אויגין גיזעהען האט • קאן ער זיך אויך מער ניט אויף האלטין • אונ לאזט זיך אויך דער קאנען ווער ער איז • זוא ווערט דיא שמחה נאך גרעשער דאש ער נאך בייא דען לעבין איז ער פאר ציילט זייא אויך פון זיין מעשה וויא מיט אים פאשירט האט אונ מאכט זיין וועג צוא ריק וויא ער גיקומען איז • ער קומט צוא הויז אונ נעמט אויך איין ווייב • אונ דער לעבט קינדער גרוישע תלמידי חכמים אונ דיזער תלמיד חכם ברוך בן פריד מאן לעבט אויך מיט זיין פרויא אסתר ברכה פיל יארין אין גרויש גדולה אונ כבוד ער האט מיט איר גיהאט צעהען זין אונ אלע וואריין גרוישע תלמידי חכמים זייער זכות זאל אונז בייא שטיין אמן כן יהי רצון :